# להתודע ולהתגלות

לכל ידידינו ואנשי שלומינו דעיר רבתי ניו יארק שיחי'!

מיט גרויס פרייד לאזען מיר וויסען דעם גאנצען ציבור חרידי אין שטאט ניו יארק, אז עס איז אונז ב"ה געלונגען אויפצושטעלן אן אייגענע שחיטה פון עופות, דא אין ניו יארק אונטער דער שטרענגער השגחה פון, **הרה"ג מוהר"ר משה שטערן אב"ד דעברעצין** שליט"א . . . די תקנות און הידורים פון אונזער שחיטה איז ווי פאלגענד:

א) ביי יעדער שחיטה וועט זיין א ספעציעלער משגיח אויפ'ן פלאץ און וועט בודק זיין דעם חלף נאך יעדע 10 — 8 עופות (ווי עס שטייט מפורש אין שמ"ח סי' י"ח סעיף כ' אין דרכ"ת סי' א' ס"ק רט"ו וז"ל תקנה זו קדומה והובאה במהרי"ק ונתחדשה בימי הב"י וכן בדורות האחרונים, וכן בספר מעשה רב שהגר"א מווילנא ז"ל אמר שמוטב לאכול מאכלי חלב בשבת מלאכול משחיטה שלא היה אחד עומד על גביו של שוחט וכן המנהג וכו' עכ"ל).

ב) מיר גיבען אכטונג מען זאל נישט ווארפן די קעסטלעך מיט עופות ווענען חשש ריסוק אברים.

ג) די שחיטה איז א שחיטה מתונה מיט ישוב הדעת, 160 עופות לשעה.

ד) דאס וויקען און אויסזאלצען ווערט געטאן מיט אלע הידורים.

ה) ביים עפענען די עופות איז דא א משגיח א בר סמכא וואס פארשטייט אין עניני הוראה, ווייל עס איז זייער שכיח שאלות אויף בני מעים, צומות הגידין, שבירת העצמות וכו'.

ו) די שאלות'דיקע עופות ווערען ביי אונז נישט גענוצט.

ז) די עופות ווערען אין גאנצען געעפענט צום זאלצן, און די האלדז אדערן ווערען ארויסגענומען, און די דם בעין פונ'ם גארגעל ווערט אויך ארויסגענומען.

ח) מיר האבען שוחטים משגיחים ת"ח און יר"ש מרבים, מומחים מפורסמים באמנותם, הנהגת ביתם וחינוך בניהם הוא על טהרת הקודש.

ט) די שובי"ם משגיחים ווערען געצאלט נאר דורך דעם רב המכשיר.

י) אונזער השגחה און אחריות איז נאר אויף די בלאמבעס מיט דעם זיגעל, בהשגחת אב"ד דעברעצין שליט"א.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדען אויף דעם טעלעפאן צו:

**משה פרידמאן — 384-0587**

**וועד השחיטה דעיר החרידי ד'בארא פארק**